אויף תיכף ארויסצוגעבן: 1/14/2025 גאווערנער קעטי האקול

**געלט אין אייער קעשענע: גאווארנער HOCHUL (האקול) שלאגט פאר מיטל-קלאס שטייער שניטן, אינפלאציע ריפאנדס און קינדער שטייער קרעדיטס צו מאכן ניו יארק מער צוגענגליך**

***די גאווארנער שלאגט פאר צו נידערן מיטל-קלאס שטייער צום נידריגסטן שטאפל אין באלד 70 יאר - העלפנדיג 3 פון 4 ניו יארק שטייערצאלער***

***ערשטמאליגע אינפלאציע ריפאנד וועט געבן 3 ביליאן דאלאר אין דירעקטע צאלונגען צו 8.6 מיליאן ניו יארקער***

***קינדער שטייער קרעדיט וועט זיך העכערן צו $1,000 פאר קינדער אינעם עלטער פון 0-3, $500 פאר קינדער אינעם עלטער פון 4-16***

גאווערנער Kathy Hochul (קעטי האקול) האט היינט פארגעשלאגן א מיטל-קלאס שטייער שניט פאר מער ווי 8.3 ניו יארק שטייערצאלער אלס טייל פון איר 2025 סטעיט אוו די סטעיט. דורך שניידן ראטעס לענגאויס פינף פון די סטעיט'ס ניין שטייער ברעקעטס, וועט גאווארנער Hochul (האקול) אראפברענגען שטייער ראטעס צו די נידריגסטע שטאפל אין באלד 70 יאר. די גאווארנער שלאגט אויך פאר ניו יארק'ס ערשטמאליגע אינפלאציע ריפאנד און א שטארקע העכערונג אין די קינדער שטייער קרעדיט.

"פאמיליעס זאלן זיך נישט דארפן זארגן איבער אויב זיי קענען זיך ערלויבן צו לייגן עסן אויפן טיש צוליב די העכערנדע קאסטן פון גראסעריס," **האט גאווארנער Hochul (האקול) געזאגט.** "מאכנדיג ניו יארק מער צוגענגליך איז געווען איינס פון מיינע הויפט פריאריטעטן און צו ווייטער פירן דעם פארפליכטיגונג, שלאג איך פאר א באדייטנדע שטייער שניט פאר מיטל-קלאס ניו יארקערס צו פארלייכטערן די עול פון אינפלאציע."

**מיטל קלאס שטייער שניטן**

גאווארנער Hochul (האקול) שלאגט פאר א מיטל-קלאס שניט צו צושטעלן באלד 1 ביליאן דאלאר אין שטייער פארלייכטערונג צו מער ווי 8.3 מיליאן ניו יארקערס. דאס וועט צושטעלן אפשפארונגען צו שטייערצאלער וואס פארדינען ביז $323,000 פאר פאראייניגטע אנגעבער. ווען עס וועט זיין פולשטענדיג איינגעשטעלט, וועט די שטייער שניט געבן הונדערטער דאלאר אין מיטלמעסיגע אפשפארונגען צו ארום 77 פראצענט פון אנגעבער - פארשטעלנדיג דריי פון יעדע פיר פון שטייערצאלער.

איינמאל דאס ווערט איינגעפירט אין געזעץ, וועט גאווארנער Hochul'ס (האקול'ס) מיטל-קלאס שטייער שניט אריינגיין אין קראפט אין די יעצטיגע שטייער יאר און וועט ווערן אנגעזען אין די ראטעס וואס שטייערצאלער צאלן פון יעדע געהאלט - צושטעלנדיג באלדיגע פארלייכטערונג, יעדן צאל-טאג, צו שווער ארבעטנדע ניו יארקערס.

**ניו יארק'ס ערשטמאליגע אינפלאציע ריפאנד**
ווען אינפלאציע הייבט פרייזן אויף אלעס פון אייער צו קליידער, פילן ניו יארקערס ווייטער דעם פינטש ביי די קעש רעדשיסטער. אין די צייט וואס אינפלאציע האט געהויבן פרייזן העכער, ארויסנעמענדיג די פארדינסטן פון ניו יארקערס, האט עס אויך געברענגט צו שטארקע העכערונגען אין די סטעיט'ס נעמען פון סעילס שטייער. גאווארנער Hochul (האקול) גלייבט אז געלט געהערט צו שווערארבעטנדע ניו יארק פאמיליעס און זאל ווערן צוריקגעגעבן צו זייערע טאשן אלס אן אינפלאציע ריפאנד, וואס איז די סיבה פארוואס זי האט פארגעשלאגן ניו יארק'ס ערשטמאליגע אינפלאציע ריפאנד וואס ווען צוריקשטעלן 3 ביליאן דאלאר אין די טאשן פון 8.6 מיליאן שטייערצאלער. ביים ענדע פון 2025, וועט ניו יארק סטעיט שיקן דירעקטע צאלונגען צו אלגעמיינע ניו יארקערס. פאראייניגטע שטייערצאלער וואס מאכן $300,000 אדער ווייניגער וועלן באקומען א $500 דאלאר צאלונג און אלע איינצלנע ניו יארק שטייערצאלער וואס מאכן $150,000 אדער ווייניגער וועלן באקומען א $300 צאלונג. די איינמאליגע צאלונגען וועלן געבן פאר ניו יארקערס' פינאנצן מער פלאץ צו אטעמען אין 2025.

**שטארקע העכערונג אין קינד שטייער קרעדיט.**
גאווארנער Hochul (האקול) פירט פאמיליעס מיט א טראנספארמאטיווע פארשלאג צו פארברייטערן ניו יארק'ס קינד שטייער קרעדיט, צושטעלנדיג קריטישע פינאנציעלע שטיצע פאר מער ווי 2.75 מיליאן קינדער לענגאויס די סטעיט. די היסטארישע פלאן וועט דאפלען אדער דריפלען די יעצטיגע קרעדיט אין פילע פעלער, פארשלאגנדיג ביז $1,000 יערליך פער קינד אינטער פיר און ביז $500 פער קינד אין עלטער פון פיר ביז 16. דאס צייכנט אפ די גרעסטע העכערונג אין די קרעדיט'ס היסטאריע, ווייט איבערשייגנדיג די יעצטיגע מאקסימום פון $330 פער קינד. גאוווענער Hochul (האקול) טוט פאראויסריקן באמיהונגען צו פארמינערן קינדער ארעמקייט זייט זי האט גענומען אפיס אין 2021 און געשאפט די קינדער ארעמקייט פארמינערונג באראטונג קאונסיל ( Child Poverty Reduction Advisory Council, CPRAC) מיט די ציל פון סיגניפיש פארקלענערען קינדער ארעמקייט. די CPRAC האט פאראויסגעלייגט רעקאמענדאציעס אין דעצעמבער 2024, וועלכע האט אריינגערעכנט די פארברייטערונג פון א קינדער שטייער קרעדיט אלץ די מערסט ווירקנדע מעטאד דורך וואס צו פארמינערן ארעמקייט.

די פארברייטערטע קרעדיט וועט בענעפיטירן פאמיליעס לענגאויס די איינקונפט ספעקטרום, מיט די דורכשניטליכע קרעדיט וואס וועט שטייגן פון $472 צו $943 יערליך. עס וועט צושטעלן שטארק-נויטיגע פארלייכטערונג צו מיטל-קלאס פאמיליעס וואס זענען פריער נישט געווען בארעכטיגט, אזויווי א פאמיליע פון ווי וואס פארדינט $170,000, וואס וועט יעצט באקומען איבער $500 יערליך. פאר פאמיליעס מיט א טאדלער און א שולע-עלטער קינד וואס פארדינען ביז $110,000, וועט די קרעדיט זיין $1,500 - באלד $1,000 מער ווי די יעצטיגע פראגראם שטעלט צו.

די פארברייטערונג וועט ווערן איינגעפירט אין איבער צוויי יאר, אנגעפאנגען אין 2025 פאר קינדער אונטער פיר און זיך פארברייטערנדיג צו עלטערע קינדער אין 2026. די ריפאנדעבל קרעדיט וועט פאארמינערן קינדער ארעמקייט לענגאויס די סטעיט מיט א געשאצטע 8.2 פראצענט און, ווען פארבינדן מיט איניציאטיוון וואס זענען שוין אונטערגענומען געווארן דורך די Hochul (האקול) אדמיניסטראציע אזויווי פארברייטערן סובסידירטע טשיילד קעיר, איז ערווארטעט צו נידערן קינדער ארעמקייט מיט 17.7 פראצענט. גאווארנער Hochul'ס (האקול'ס) פארשלאג שלאגט פאר א שטארקע שריט צו פארמינערן ארעמקייט און שטיצן פאמיליעס לענגאויס ניו יארק.

**ניו יארק סטעיט דעפארטמענט פון שטייער און פינאנצן עקטינג קאמישענער Amanda Hiller (אמאנדא הילער) האט געזאגט,** "גאווארנער Hochul'ס (האקול'ס) מיטל קלאס שטייער שניט, אינפלאציע פארלייכטערונג טשעקס און פארברייטערטע טשיילד קרעדיט וועט מאכן א שטארקע חילוק

אין יעדע ארבעטנדע פאמיליע'ס בודשעט. די שטייער דעפארטמענט שטייט גרייט צו געבן די שטארק-נויטיגע דערלייכטערונג ווי שנעל מעגליך."

גאווארנער Hochul'ס (האקול'ס) 2025 צוגענגליכקייט אגענדא בויט אויף איר אימערמידליכע ארבעט צו אדרעסירן די קאסט-פון-לעבן קריזיס און מאכן ניו יארק סטעיט א מער צוגענגליכע היים פאר אלע פון אונזערע פאמיליעס. פון נידערן שטייער, געבן ריפאנד טשעקס דירעקט צו ניו יארק פאמיליעס און איינפירן שטארקע פאליסיס צו נידערן די קאסטן פון טשיילד קעיר, וואוינונג און ענערגיע, האט גאווארנער Hochul (האקול) געקעמפט צו דערהייבן ניו יארק פאמיליעס. זינט זי איז אריין אין אפיס האט גאווערנער האקול:

- געהויבן די מינימום געהאלט צו $16.50 אין ניו יארק סיטי, לאנג איילענד און וועסטשעסטער, און צו $15.50 פאר די איבעריגע טייל פונעם סטעיט, מיט געהאלטן וואס זענען געשטעלט זיך נאכאמאל צו העכערן אין 2026 און צו בלייבן גלייך מיט אינפלאציע דערנאך.
- פארזיכערט באלד 600 מיליאן דאלאר אין גאז שטייער פארלייכטערונג ווען גאז פרייזן זענען געשטיגן.
- געברענגט 10 ביליאן דאלאר אין פעדעראלע פינאנצירונג צוגושטעלן הויכע-קוואליטעט, צוגענגליכע געזונטהייט אינשורנס פאר ארום 1.5 מיליאן ניו יארקערס דורך די פעדעראלע סטעיט אינאוואציע וועיווער, די לאנד'ס גרעסטע סטעיט אינאוואציע וועיווער אווארד ביז יעצט.
- פארבאטן קא-צאלונגען פאר אינסולין אויף אלע ניו יארק סטעיט רעגולירטע העלט קעיר פלענער.
- צוגעשטעלט 1.26 ביליאן דאלאר אין צוגענגליכע מארטגעדשעס צו שאפן 7,300 היימאייגנטומערשאפט געלעגנהייטן.
- געצאלט איבער 2 ביליאן דאלאר אין באנוסעס באצאלט פאר מער פון 800,000 העלט קעיר ארבעטערס איבער די סטעיט, שיקנדיג באנוסעס פון ביז $3,000 צו ארבעטערס לענגאויס ניו יארק סטעיט.
- ארויסגעגעבן 2.3 ביליאן דאלאר אין שטייער פארלייכטערונג צו באלד דריי מיליאן ניו יארקערס אונטער די סטעיט'ס שולע שטייער פארלייכטערונג פראגראם (School Tax Relief program).
- געשאפן די ענערגיע צוגענגליכקייט גאראנטי פילאט פראגראם, וואס וועט רעדוצירן די פינאנציעלע עול פאר נידריג-איינקונפט הויזגעזינדער וואס נוצן די ניו יארק סטעיט ענערגיע אנטערזוך אנטוויקלונג אטאריטעט'ס (Energy Research Development Authority) קיין-קאסט עפעקטיוויקייט פארבעסערונגען צו זייער הויז דורך דעקן די יערליכע פרייז פון זייערע עלעקטריציטעט קאסטן.
- פארלאנגט פון העלט אינשורער צו דעקן עפיפענס, און דעקן קאסטן פון $100 וואס דארף ווערן געצאלט פון די אייגענע טאש, מאכנדיג דער לעבנס רעטענדע באהאנדלונג מער עפארדעבל פאר ניו יארקער וואס דארפן עס.

###

נאך נייעס קען מען באקומען ביי www.governor.ny.gov
ניו יארק סטעיט | עקזעקיוטיוו טשעימבער | press.office@exec.ny.gov | 518.474.8418
שרייבט זיך איין צו באקומען די לעצטע נייעס פון די גאווערנער'ס אפיס: ny.gov/signup | טעקסט די ווערטער NEW YORK צו 81336

זיך ארויסשרייבן